STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04457

# UNTER BLOYE HIMLEN

Abraham Lev

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם לעוו

# אונטער
# בלויע
# הימלען

FROM THE LIBRARY

JEWISH PUBLIC LIBRARY

# אונטער בלויע הימלען

א בינטל לידער

פון

**אברהם לעוו**

# אפשייד

מאַמעלע, איך זע דיר אויפֿן באַנק,
דו קוקסט מיר נאָך מיט פייכטע אויגן;
און פֿון אַ מעסער — שאַרפֿער דער געדאַנק:
— דאָס לעצטע קינד איז אויך שוין אָפּגעפֿלויגן.

איך הער ווי אין דיר ווייטאָקדיק עס שרייט
און כ'האָב דיין צער באַנומען,
נאָר ס'וואַרט אויף מיר אַ לאַנד אַ זוניקע אין ווייט
און ערגיץ אין אַ פּאָרט וואַרט אַ שיף שוין אויף מיין קומען.

און כ'קען שוין ניט פֿאַרבלייבן אָט אַ דאָ,
ווייל כ'הער די פֿרעמדע ווייטן ווי זיי שרייען —
און רופֿן מיר אין לאַנד, פֿון זון און בלאָ
פֿון אויפֿבוי און ביינייאונג.

פֿאַר איך אַוועק אַהין אָט איצט מיט פֿרייד
אָפּשיינקען מיינע צוויי געזונטע אַקסל.
איך ווייס, אַז ס׳וועט אַמאָל פֿון דיין איצטערדיקן ווײ,
אַ גרויסע פֿרייד אויפֿגיין און אויפֿוואַקסן.

# א שיף

פֿאָרט אַ שיף און פֿירט חלוצים,
פֿאָרט אַ שיף און שניידט דעם ים.
נעמט צעזינגט זיך איינער פלוצלינג,
אָט אַזוי זיך, סתם.

פֿאָרט אַ שיף און פֿירט חלוצים,
פֿאָרט אַ שיף צו אונזער לאַנד —
נעמט צעטאַנצט זיך איינער פלוצלונג,
אָט אַזוי זיך, סתם.

פֿאָרט אַ שיף און פֿירט איצט ייִנגען,
ייִנגען בראָנדזענע, אַהיים.
האָט אַ שיף זיך איצט צוזונגען;
און צוטאַנצט אין העלער פרייד.

פֿאָרט אַ שיף און פֿירט איצט ברידער,
אָנגעפֿירט דורך פֿעסטער האַנט.
פראַלט אַרויס די פֿרייד פֿון גלידער,
פֿרייד פֿון אונזער אייגן לאַנד!

# אויף בלויע וואסער

אויף בלויע וואַסערן איז אונזער גרויסע שיף אַוועקגעשווומען...
— — — — — — — — —

צום ערשטן מאָל האָב איך דערפֿילט די פֿרייד ביז שטיקן
פֿון גרויסע טעג וואָס גרייטען זיך און קומען
און פֿון צורייסען הינטער זיך צופֿוילטע בריקן.

אַ גוטן טאָג דיר — ווילנע, אַ זיי געזונט דיר, פּוילן,
איך וועל ניט שעלטען דיר, נאָך וואָס די נאַרישע?
מיין קינד וועל איך, ווי פֿון אַ אַלטע מעשהלע דערציילן:
— דיין טאַטע איז אַ מאָל געווען אין ווילנע און אין וואַרשע!

אין ווילנע, אין די שטאָט, דאָס וויגעלע פֿון תּורה
ווו ס׳טוט דעם גאון׳ס ליכט נאָך ביז היינט שיינען.
אין וואַרשע, וואָס האָט דאָס יידיש פֿאָלק באַלויכטן ווי אַ מנורה
און היינט געוואָרן שוין אַ אָפּגעקלאַפּט הושענה.

שוין ניט די יידן וואָס אַמאָל אויף ווילנער געטאָ־גאַסן
שוין ניט די תורה אין די קלויזן, שוין ניט דער ניגון.
עס דרייען זיך אַרום איצט מענטשן אָן בטחון בלאַסע,
און זוכן פּרנסה, ברויט פאַר קינדערלאַך צוקריגן.

שוין ניט די ווילנע, די באַזינגענע פון דיכטער און פּאָעטן
די וויגעלע פון דער השכלה, די ירושלים דליטא –
ס׳וועט היינט אַ דיכטער שוין נישט קענען איר פאַרגלעטן,
און באַזינגען די וונדערליכע שטאָט פון למד־וָו און ריטער.

מיט וואָכעדיקע שטיינער זיינען ווילנער גאַסן אויסגעפּלאַסטערט,
און אויך דער הונגער איז אַ וואָכעדיקער און אַ שווערער.
און דער רעגען פאַלט ווי אומעטום אַ נאַסער,
און אַז אַ ווילנער ייד צווויינט זיך, איז מיט טרערן, פשוטע טרערן.

און ס׳לעשט זיך אויס פאמעליך די לעגענדע פון׳ם ווילנער גאון,
און אויך פון לאַנג פאַרפלויגן איז די אַש פון גר־צדק׳ס שייטער...
— — — — — — — — —
און אונזער גרויסע שיף אויף וואַסערן אויף בלויע,
טראָגט מיר אַלץ ווייטער, ווייטער, ווייטער.

*

אַ לויב דיר מאָנטאָגדיגער טאָג וואָס דו האָסט מיר געבראַכט צום האַפן,
נאָך וויגן זיך אויף בלויע וואַסערן פינף פולע טעג כסדר;
און איצט שטייען מיר פאַראַנקערט אין פּאָרט יפו,
און אונזער ש יף־סירענע האָט צושריען זיך, ווי א ריזיק גרויסער שופר.

באַגינען בלויט און ציט מיט דיקן נעבל אלץ אַריבער,
פון וויטן זעהן זיך שוין לעמפעלאַך ברענענדיק ווי אויגן —
און ס׳ווייסען זיך די פלאַכע דעכער פון די שטיבער;
וואָס זויגען דורשטיק איין זיעם טוי און זויגן,

אַרום אונז שיפעלאַך און לאָטקעלאַך און זעגלען,
אַראַבער באָרוויסע מיט פנימער פאַרברוינט ווי קופער;
זיי קומען אויפן שיף אַרויף דורך אַלע וועגן —
און שרייען ליאַרימען, שטויסן זיך און שטופן.

אַראַבער באָרוויסע מיט פנימער פון אַלערליי קאָלירן:
קופער, בראָנז, און שוואַרץ אַזוי ווי קויל,
און דער אָנטאָן זייערער און זייער צירונג...
אָ די קרובים אונזערע פון פעטער ישמעאל.

איך שטיי בײַם ראַנד פֿון שיף און ס׳מישט זיך אין איין פּלאָנטער:
הימלען, וואַסער, שיף און זעגלען און מענטשן, מענטשן,
און פֿון ווייטן ווינקען בלויע רונדע האָריזאָנטן,
און דער ים טרייבט די כוואַליעס — מיילער אָפֿענע וואָס גענעצן.

איך שטיי בײַם ראַנד פֿון שיף אין מאָרגן־בלוי אַנטקעגן יפֿו,
דער פּאָרט צו וועלכן ס׳ציִען שיפֿן זיך פֿון אַלע עקן,
און ס׳פֿאַליען זיך די וועלן קײַקלען זיך צום האַפֿן
און צושפּריצן זיך אויף טויזנט פֿלעקן.

איך שטיי בײַם ראַנד און ווייס ניט וועמען לויבן,
און מיר די פֿרייד, וואַ רײַף האָט שטײַף אַרומגענומען —
און עפּעס האָב איך טיף אין זיך גענומען גלויבן,
אַז ס׳וועלן גוטע טעג נאָך אויפֿשײַנען און קומען.

*

װיג זיך לאָטקע, פֿלאַטער שיפֿל,
װי אױפֿן װינט אַ שטיק פּאַפּיר.
ים, װער ט׳מעסטן דײַנע טיפֿן ?
טיפֿער איז די פֿרײד אין מיר.

פּאַטש מיר װינט דו אױס די באַקן,
נאַ, דערלאַנג, גיב נאָך און גיב.
מעגסט מיר שמײסן אױפֿן נאַקן,
כ׳נעם הײַנט אָנעט אַלץ פֿאַר ליב.

טרײסל שיפֿל זיך נאָך מערער,
שיכּור אײן מיר און פֿאַרדרײ ;
איך װעל שױן שיכּר׳ער ניט װערן,
װי כ׳בין שיכּור הײַנט פֿון פֿרײד.

אָט איז נאָך אײן טריט צום האַפֿן,
שמײסט דער װינט װי מיט אַ רוט.
מײַנע ליפּן שעפּטשן : יפֿו,
חלום װײַטער פֿון מײַן בלוט.

הינטער מיר, כ׳זע שיף זיך וויגן,
פֿאָרנט, כ׳זע דעם ברעג אין שוים.
כ׳האָב פֿאַרברענט שוין אַלע בריקן
צו מיין פֿריערדיקער היים.

זעץ אַוועק לעם מיר זיך ברודער,
שיפֿל, ווייס אַליין די וועג.
לאָז צורו די גרויסע רודער
זי וועט שוין צוקומען צום ברעג.

אָט אָ יאָגט די שיפֿל וועלן,
באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ.
יפו, ערב דיינע שוועלן
פֿאַרבויג איך אומעטיג די קאָפּ!

## לידער פון ליכטיגן אויפבוי

איז גוט צו זיין אָט דאָ אין לאַנד,
און פֿילן פֿרייד. פֿון בויען און פֿון וואַקסן.
איז גוט ווען כ׳ווייס, אז אויך אַ חלק האָט מיין האַנט
און ס׳העלפֿן בויען מיינע אַקסל.

איז גוט צום אויפֿהייבן דעם עמערל בעטאָן,
אַרויף, אַרויף אין דער הויך און העכער —
און זעהן, ווי ס׳האָבען זיך אַ הויב געטאָן
אַ הויז, אַ שטוב, ווענט און דעכער.

דאָ וואַקסן זיי די מויערן דורך נאַכט,
און פֿונקלען אין באַגינענדיקע טויען:
געלויבט זיי שיף, וואָס דו האָסט מיר אַהער געבראַכט
און איך וועל איצטער בויען, בויען!

*

אויף אויפגעריסן באָדן רינט מיין שוויים.
פון נאָז, פון פנים און פון שטערן.
ס׳איז הייס אין לאַנד ביי אונז, ס׳איז הייס
און ס׳רינט דער שווייס אַראָפ ווי טרערן.

אַ בויג זיך איין, אַ הויב זיך אויף, אַ בויג, אַ הויב
און ס׳רייסט דעם באָדן די טוריע.
אַ לויב דיר מאַמע ערד, אַ לויב!
וואָס ווייסטן אָרט ווערסטו צובליען.

שפּאַנען מיר אַזוי אַ׳ן בייט
מיט טעג מיט זוניקע געלאָדן;
איז גוט צו גיין דורך העלע פרייד
און אויסווייקן מיט שווייס דעם באָדן!

*

בויט אויף זיך גיך אַ לאַנד.
אַ לאַנד בויט אויף זיך ראַש
און ס׳וואַקסט אַ שטאָט אויף זאַמד
און ס׳וואַקסט גאַס נאָך גאַס.

און שוואַרצע, האַרטע ערד
ווערט איצט איבער־געדרייט
און ברכה וואַקסט און יערט —
אויף אַלץ וואָס ווערט פּאַרזייט.

און מדבר וויסטער שטיין,
לעבט אויף דורך פֿלינקער האַנט
און ס׳וואַקסט אַ לעבן גרייט.
אויף הוילע זאַמד.

*

בין איך דאָ אין מיין לאַנד, בין איך דאָ, בין איך דאָ!
און די פֿרייד איז איצט גרויס, און ס׳איז הייליג די שעה.
בין איך דאָ אינם האַרץ, פֿון דער יידישער וועלט
און עס בליט אונזער בוים, און עס וואַקסט אונזער פֿעלד!

און עס רינט אונזער שווייס אויף אונזערער אייגענער ערד,
און מיר בויען איצט אויף, וואָס פֿון דורות צושטערט,
און מיר בויען איצט אויף, מיט פֿרייד און געזאַנג
איז פֿול אונזער לאַנד איצט מיט האַמער־געקלאַנג.

איז פֿול אונזער לאַנד מיטן ריטם פֿון בוי,
איז גוט מיר אַזוי, איז וואויל מיר אַזוי!
צו זעהן ווי עס בויט זיך ווי ס׳וואַקסן די ווענט —
צו וויסן אַז ס׳העלפֿן אויך צו מיינע הענט.

*

האָט זיך אַ נייע וועלט אַנטפּלעקט פֿאַר מיר און אויסגעשפּרייט,
אַ וועלט, פֿאַרכאַפּט פֿון אויפֿבוי און פֿון וואַקסן.
אַ דורכגעפֿלאָכטען אָפּט מיט צער און נאָך מערער פֿון פֿרייד —
וואָס רייסט פֿון טיף אַרויס זיך ווי אַ עקשן.

ווער האָט געזעהן זיי קומען פֿון דער אַרבייט מיד
פֿאַרמאַטערטע, פֿון שווייס צווייקט אײנגאַנצען.
דאָך רייסט אַרויס זיך הויך אַ מוטיק ליד
און ס׳ציען זיך די מידע פֿיס צום טאַנצן.

ס׳האָט מיר די נייע וועלט אַרומגעכאַפּט, פֿאַרבלענדט
און כ׳האָב מיט פֿרייד דעם אויפֿבוי ליכטיקער דערזעהן
און כ׳האָב זיך פֿאַרשעמט, פֿאַר מיינע צוויי געזונטע הענט
ווו זיינען זיי ביז איצט געוועןַ ?

*

כ׳האָב היינט אַ גאַנצן טאָג געשלעפּט קערב מיט מאַראַנצען.
עפּל גאָלדערנע, פֿון אונזער בוים, פֿון אונזער לאַנד.
אין אָוונט וועלן מיר אַוועקלאָזן זיך טאַנצן
אַקסל אייגנעפּרעסט צו אַקסל, האַנט צו האַנט.

ווער פֿילט עס די געזונטע פֿרייד פֿון אונזערע גלידער,
דעם געזונטן גליק פֿון בויען אונזער היים.
איר זענט אַ שאָד מיר שוועסטער מיינע, ברידער,
וואָס פֿרעמד איז אייך די לאַנד און איר קענט איר ניט פֿאַרשטיין.

איר זענט אַ שאָד מיר ברידער מיינע אין דער ווייטן,
און ס׳טוט מיר וויי, וואָס ים האָט אַייך צושיידט
און איר קענט ניט זעהן, ווי ס׳וואַקסט אַ לאַנד און צייטיקט
און איר קענט ניט פֿילן, אנזער געזונטע פֿרייד.

*

מיר זיינען דאָ ציגל, צו אַ גרויסן און ריזיקן מויער.
מיר זיינען די ליים.
מיר זיינען די שמידער, מיר זיינען די בויער
פֿון יידישען היים.

מיר זיינען זיך מפקיר, פֿאַר זון און פֿאַר ווינטן.
מיר זיינען די בריק.
מיר זיינען די, וועלכע בינדן פֿאַרבינדן
אַ פֿאָלק מיט איר גליק.

מיר זיינען די, וועלכע טוען אויף וווּנדער,
מיט ליכטיקע פֿרייד.
מיר זיינען אַלע באַזונדער
רינגען אין קייט.

*

עס וואַקסט אין מיר די העלע פֿרייד,
פֿאַר יעדער צוגעמויערט וואַנט,
פֿאַר יעדער צוגעקומען פּליט
אין אונזער לאַנד.

דערפֿרישט מיך גליק, ווי קילער ווינט,
פֿון יעדער נייעם צריף אויף זאַמד,
פֿון יעדער ניי געבוירען קינד
אין אונזער לאַנד.

און ס׳צאַפּעלט פֿרייד אין האַרץ געהיים,
פֿאַר יעדער אַרבייטזאַמע האַנט,
פֿאַר יעדער צוגעפֿלאַנצטע בוים
אין אונזער לאַנד.

# «מיט לענדער גלייך»*)

„מיט לענדער גלייך" האָסטו מיין לאַנד פֿאַרגלייכט,
און אַ שוואַרצן שטריך געצויגן אונטער אונזער מי –
דערפֿאַר, ווייל געוואָרן איז אכזריותדיג און רייך
די שטאָט די איינציק יידישע, תל־אביב.

דערפֿאַר, ווייל ס'איז ניטאָ דאָ די געזונטע פֿרייד
וואָס איז געווען מיט פֿיר פֿינף יאָהר צוריק,
ווען מען האָט זיך מיטן ביסן ברויט
געטיילט, און מיטן טראָפּן גליק.

ווען אָפֿן איז געוועזן יעדענס טיר
פֿאַר יעדן דאַכלאָזן און הונגעריקן מאַן.
אָט אַלץ וואָס איז געוועזן פֿריער
איז שוין ניט פֿאַראַן.

*) «מיט לענדער גלייך» י. פאפירניקווו, (פאלעסטינער לידער) 1934.

און זעהסט נאָר איצט דעם מיאוסן געיעג
דעם קרעמערשען געשריי, וואָס רייסט זיך ווי אַ גלאָק.
און יעדער איינער וויל אין לויף פון טעג,
אַרויפציען אַ שטאָק נאָך אויף אַ שטאָק.

פון צווייטנס שווייס און בלוט, פון צווייטנס מי,
וויל יעדערער אַרויסוואַקסן מיט קראַפט.
און אויך אָט דאָ ווי אומעטום די שפּיל
די מיאוסע, פון האַר און שקלאַף.

און אויך אָט דאָ ווי אומעטום די זעלבע זאַך,
אַ געיעג נאָך גאָלד, נאָך רייכטום און נאָך זיין;
אויך דאָ שטייען טירן שוין פאַרהעמערט און פאַרמאַכט
אַז אַ הונגעריגער זאָל שוין ניט אַריין.

און ענג איז דיר געוואָרן דאָ אין לאַנד
ווו טרעפּסט א פּאַלאַץ אָנשטאָט אַ לייוונטן געצעלט;
און שלאבערדיג און מאַכטלאָז פאַלט צוריק דיין האַנט
און חרוב איז אין דיר, דיין אויסגעטרוימטע וועלט.

און ס׳פּרייט שוין דיר ניט גאָרנישט מער אָט דאָ,
און זעהסט אין יעדער אַרבייטער אַ שקלאַף;
און אין זייערע לידער קלינגט אַ פאַלשער טאָן
וואָס שנייט זיך איין אין דיר, וואַ מעסער שאַרף.

און טרייסט זיך: אַז וועסט לאַנג שוין ניט פאַרבלייבן דאָ
אין לאַנד.
און טרייסט זיך: אַז דו וועסט פון אונז אַוועק.
האָסט ליב ווען ס׳כאַפּט אַרום אַ בראַנד
און וועלדער גאַנצע גייען מיט׳ן רויך אַוועק.

און דאָך: האָסטו געזעהען און ניט דערזעהען דעם פלאַם
וואָס טליעט איצטער אינ׳ם פאָלק אין איר נשמה טיף.
די לידער דיינע, ס׳טו געשאַפען מן־הסתם
שפּאַנענדיק אויף גאַסן קרעמעריש־רווישיקע אין תל־אביב.

און כ׳זאָג: אַז ס׳איז אַ קערן אַ געזונטער דאָ פון מענטשן
דורכגעדרונגענע מיט פרייד
וואָס האָבן ליב די לאַנד, און האָבן ליב די ערד.
וואָס גייסטו ניט אַרויס אין דאָרף צו זיי,
די בויער אמתע דערקענען?

יאָ ריכטיק, ס׳ווערט אַ לאַנד מיט לענדער גלייך; כ׳בין שטאָלץ,
באָר צו שוואַרץ האָסטו זי געמאָלט, און צופֿיל גרוי.
עס פֿאַלן שפּענער ווען מען האַקט אין האָלץ,
און ס׳מוז זיין שאָטן־זייטן ווען ס׳ווערט אַ לאַנד געבויט.

## ווינטער

דרויסן גיסט אַ ר'עגן,
דרויסן, נאַכט און ווינט.
אויף די וויסטע וועגן
זעהט מען קיינעם ניט.

אין די ווייטע כרמים,
וואויעט אַ שאַקאַל,
און די הינט דערקאָנען
גרייט שוין צום באַפאַל.

שמייסט דער ווינט מיין צריפל,
רייסט מיט כעס די טיר.
ווערט מיין צריף אַ שיפל
און איך שווים אין איר.

קלאַפּט אין דאַך דער רעגן,
שמייסט אין בלעך מיט כּעס.
פּויקט עס ווי מיט פינגער
אויף אַ פּוסטע פאַס.

און דער קליינער זייגער,
דרימעלט אויפן וואַנט.
טיק און טאַק, אַ שטייגער
ווינטער איז אין לאַנד.

לייג איך קאָפּ אויף קישן,
בּיינק איך מיד נאָך רו;
זאָל אין דרויסן גיסן,
טיר איז פעסט און צו.

## אונטער בלויע הימלען

„אונטער בלויע הימלען, איז פֿאַראַן אַ לאַנד,
שיינט די זון דאָרט שטענדיק, ליכטיק, קלאָר;
און ציגן עסן באָקסער, און שעפּסן עסן מאַנדלען
און בוימער זיינען גרין דאָרטן אַ גאַנצן יאָהר.

און ס'רינט דאָרט מילך פֿון וואָלקנס און זאַפֿטיק פֿרישע טרויבן
וואַקסט אויף יעדער האַרטן שטיין —
און געבראָטענע טויבן
פֿליען גלייך אין מויל אליין!"

אַזוי האָט מיין מאַמע געזונגען אַ מאָל מיר אַ ליד
ווען איך בין געוועזן אַ קינד, פֿון חומש מיט טראָפּ
און מיין טאַטע אַ עלטערער ייד
האָט צוגעשאָקעלט מיטן קאָפּ.

היינט מאַמעלע בין איך אין לאַנד פֿון אונטער בלויע הימלען
און ניט ווי אין ליד בײַ דיר האָב איך געטראָפֿן.
די שטיינער דאָ, ווי אַלע שטיינער שימלען
און אויף אַ נס טאָר מען אויך אָט דאָ ניט האָפֿן.

די ערד איז האַרט דאָ און פֿאַרלאָזט, פֿון דורות־יאָהרן
און שווער איז אויפֿרייסן איר שטיינערדיקן באָדן.
איך בין דאָ איינגעשפּאַנט געוואָרן
און ווי אַ פֿערד מיט משא אָנגעלאָדן.

איך שלעפּ דעם שווערן יאָך מיט פֿרייד און אויסדויער
פֿון אינדערפֿרי ביז אָוונט בלויען;
און ניט איינמאָל ווייטיקדיק פֿאַרבייס איך מיט די ציינער.
ניין, מאַמעלע, קיין מילך און האָניק רינט ניט פֿון די שטיינער.

ניט מילך און האָניק, נאָר ס׳פֿעלט אויך אָפֿט אַ מאָל אַ ביסל וואַסער
צו שטילן דורשט אין היץ, וואָס פֿלאַמט פֿון אויבן;
די העמדל מײַנע טריקנט ניט, פֿון שווייס אַ נאַסע.
ניין מאַמעלע, דאָ פֿאַלן ניט אין מויל קיין געבראָטענע טויבן.

נאָר כ׳קלאָג זיך ניט. מיט אַלץ וואָס כ׳האָב געטראָפֿן בין איך צופֿרידן,
ס׳איז אונזער לאַנד, פֿון אונזער מי ט׳זי וואַקסן.
נישקשה, מען איז צװוישן יידן
און יעדער איינער לייגט דאָ צו אַ אקסל.

## צו מיין זון

דורך דיינע בלויע אָדערן גיי איך אויף, מיין זון,
דורך דיר וועל איך איצט ווייטער לעבן.
אין יענעם טאָג ווען ס׳וועט פֿאַר מיר זיך אויסלעשן די זון
וועסטו מיין זיין דאָ ווייטער וועבן.

ביזט אַזוי קליין נאָך איצט און דיינע הענטעלאַך דורכזיכטיק גלאָז
און דיין גופעלע — ווייכער סאַמעט.
דו וועסט אַ מאָל זיך איבער מיר צו שיינען ראָז
ווען איך וועל דאָ ניט קענען זיך פֿאַרזאַמען.

און איצט ביסטו אַזוי אומבעהאָלפֿען קליין און שוואַך,
און טאָג און נאַכט איז אויסגעמישט ביי דיר צוזאַמען;
און אין די שעהן ווען דו ביזט וואַך
זעה איך אין דיינע אויגעלאַך צוויי בלויע ים׳ען.

צווי בלויע ימען קינד, וואָס דערמאָנען מיר מיין וועג אַהער אין לאַנד
אויף באַן, אויף שיף, דורך ים און ווייטע וועגן;
דורך גרעניצן, דורך שונא׳ס בייזע האַנט
וואָס האָט וואַ שאַרפע שווערד געלויערט ביי די ברעגן.

מיין טאַטע האָט גע׳חלום׳ט דאָ צו זיין,
און אין דאַוונען ט׳אַלע טאָג געבעטען זיך דער ויידע:
„אָ פיר מיר גאָט אין אונזער לאַנד אַריין!”
נאָר ניט באַשערט געווען איז נעביךביידן.

מיין טאַטע איז געפאַלן ערגיץ טויט,
אויף סטעפעס רוסישע אין אַ ווינטער טאָג אַ קלאָרן.
מיין זיידן האָט דערשטיקט די נויט
אין זיינע אַלטע יאָהרן.

און דו מיין קינד, ליגסט איצטער שטיל אַזוי באַרוט
אין דיין בעטעלע וואָס שטייט אין ארץ ישראל.
אין דיינע אָדערן פליסט דאָך די פאַרבייַנקטע בלוט
פון מיין טאַטן, פון מיין זיידן, און דו ביסט דער גואל.

דו ביסט דער אויסלייזער פֿון דורות קינד,
אויף דיר איז עס דער גורל אויסגעפֿאַלן
די פֿאַרבייגקטע בלוט אריינבריינגען אין לאַנד,
קינד מיינער, זון מיינער, יגאל!

## האט אויפגעזונגען

האָט אויפֿגעזונגען היינט אין מיר מיין בלוט,
דאָס ליד פֿון אַרבייט און פֿון בויען,
פֿון פֿלאַנצן און פֿון מאַכן וואַקסן.
איז גוט אַזוי מיר, גוט!
צו גיין אַזוי אין באַגינענדיקע פֿייכטע טויען
מיט צוויי געזונטע אַקסל.

איז גוט אזוי מיר, שפּאַנען פֿריש
אַנטקעגען מאָרגן וואָס וועט קומען אַ ליכטיגער און ריינער
און זיך צולייגן און צושפּרייטן.
איז גוט, ווען כ׳וויס אַז צו אָט דעם כביש
האָב איך געשלעפּט די שווערע שטיינער,
ווי אַנ׳אַרעסטאַנט, אויף פֿיס זיינע די קייטן.

איז גוט, ווען ס׳גיט אַ גריס אַמאָל אַ בוים אזוי פֿון ווייט
און גיט אַ שאָקל שעמענדיג צו מיר אַ צווייגל
אַזש ס׳הויבן בלעטלאַך אָן צו טאַנצן.
אַ יעדער וואָרצעלע צו מיר דאָך שרייט
פֿון טיפֿן שווייגן:
„אַ לויב די הענט וואָס האָבן מיר געטאָן פֿאַרפֿלאַנצן!״

אַזויפֿיל הייזער גריסן מיר דאָ אין מיין לאַנד
וואָס שטייען ווי הייליקע
אין באַגינענדיקע טויען.
איז ליב מיר וואָס מיין מידע האַנט
האָט אין אַלץ אַ חלק:
אין פֿלאַנצן און אין בויען.

## אין רעגנדיקע נעכט

אין רעגענדיקע נעכט, אין רעגענדיקע נעכט,
בין איך אַליין צעווישן ווענט פֿון צריף.
דער רעגן שמייסט אין דאַך און ברעכט
דער ווינט וואַקלט אום אים ווי אַ שיף.

אין רעגענדיקע נעכט, אין רעגענדיקע נעכט,
דער לעמפּל אויפֿן וואַנט, ברענט אומעטיג און שלעכט.
די גלאָז, פֿאַרוויכערט, טונקל ווי אין אַ ראַם
און איך ביים טיש פֿאַרבויגן זיץ און זוך אַ גראַם.

אין רעגענדיקע נעכט פֿאַרביינקט מען זיך אַזוי —
די מאַמע מוז שוין זיין אַ וואַדע אַלט און גרוי,
די מאַמע מוז שוין זיין אַ וואַדע מיד אַזוי און שוואַך;
אין נעכט אַזעלכע בין איך וואַך.

אין נעכט אַזעלכע הער איך דעם געוויין פֿון ווינט,
מיר דוכט, איך הער ווי די מאַמע קרעכטשעט נאָך איר קינד,
און שטריקנדיק אַ זאָק אַ וואַרימע פֿון וואָל
שעפּטשעט זי: פֿאַרן מיזינקל אין ארץ־ישראל.

אין נעכט אזעלכע, ווען דער רעגן שמייסט אין בלעך פֿון דאַך,
ליג איך מיט אויגן אָפֿענע ארייַנגעדרייט אין זיך,
און הער ווי אַלע מיינע רמ״ח אברים זיינען וואַך,
און פֿיל ווי אומעטיק דער ווייזער פֿונם זייגער קריכט.

אין נעכט אזעלכע, ווען דער רעגן שמייסט אין בלעך פֿון דאַך,
און פּאַטשט מיט ווינט און האָגלט ברוגזנדיק און קראַכט;
ווערט דער צימער איינג מיר, ווערט אַ צעל
ווערט מיר אומעטיק די גאַנצע וועלט.

אין נעכט אַזעלכע, איז אומרויִק מיין יונגע בלוט,
און יעדער שמיץ פֿון רעגן אויפֿן דאַך, איז אויפֿן לייב אַ רוט;
און יעדער ריס אין צריף, פֿון ווינט
איז אויף מיין ווייסער לייב אַ שניט.

## ירושלים

פֿאַרנאַכט בין איך אַריין אין דיינע טויערן, ירושלים,
און ס׳האָט אַ קאַלטער ווינט באַגריסט מיין הייסן פּנים,
אַ שטילקייט האָט אַרומגענומען מיר ווי נאָך א לויה,
ווי נאָך די קבורה פֿון אַ נאָהנטן.

נאָר ווי ניט ווו פֿון ווינקלען האָבן זיך צוקלונגען גלאָקן,
און תפילות האָבן זיך געריסן פֿון מעטשעטן,
און עפּעס אַזוי סודות־פֿול האָט אַלץ אין דיר געשראָקן,
און דער קאַלטער ווינט האָט ניט אויפֿגעהערט צו לאַשטשען מיר און גלעטן.

פֿון אַלע עקן וועלט קומט מען טובלן זיך אין דיין קדושה
און יעדער גלויבן האָט דאָ אויפֿגעשטעלט זיינע קלויסטערס, קירכעס און מעטשעטן,
נאָר איך, דער זון וואָס טראָג אין מיינע בלוט די הייליגע ירושה, —
שטיי אַ פֿרעמדער דאָ און כ׳ווייס ניט צו וועמען איך זאָל בעטן?

*

אויף דיינע שמאָלע גאַסן שטיינערנע פֿאַרדרייטע און פֿאַרצווייגטע,
גיי איך איצטער אום אין דיר אַלט־ירושלים;
און טיף אין האַרצן נעסטיגט אומעטיגער שווייגן,
וואָס וויל ביז ווייטיק שווער פֿון לייב מיר אַרויסשרייען.

אַ פֿיבערדיק שפּאַנען מיינע פֿיס אויף דיינע שטיינערנע טראָטואַרן
און מיינע אויגן בלאָנדזען אום, אויף קרעמעלאַך און קראָמען.
און איך הער פֿון יעדער שטיין דעם קלאָג פֿון דורות־צערן.
דעם פֿאַרשטיקטן פּיין, פֿון אָפּשוועכן דיין נאָמען.

וואָס פֿאַרקויפֿט מען ניט אָט דאָ צעווישן דיינע ווענט די פּעלזיקע
און גראָבע.
און וויפֿל שמוץ און אָפּפֿאַל אויף דיינע טראָטואַרן.
עס פֿירט די גאַס מיר צו דעם כּותל־המערבֿי
און איך הער פֿון יעדער שטיין דעם קלאָג פֿון דורות־צערן.

*

דו ביסט ווי אַ קמיע אײַנגעפּאַסט, כּותל־המערבֿי,
צעווישן שמאָלע געסעלאַך און קראָמען
ניטאָ שוין היינט קיין אָנזאָגער, קיין נבֿיא,
וואָס זאָל אויף גאָר דער וועלט אויסשפּויקן דיין נאָמען.

איך בין אַרויף צו דיר זיך שאַרנדיק דורך ווענט דורך שטיינערנע
דורך בעטלערס ווונדיקע און קראַנקע;
אַלע קומען דאָ צו דיר ווי איינער
מיט דורשטיקע פֿאַרלאַנגען.

ווער עס זוכט אַ תּרופֿה פֿאַר זיינע אומהיילבאַרע גלידער,
ווער עס וויינט אַריין אין דיר ווי אין בוזים פֿון אַ מאַמע,
און ווער עס בעט פֿאַר שוועסטער און פֿאַר ברידער,
וואָס זיינען אויסגעשפּרייט איבער אַלע זיבן ימען.

נאָר איך געשטאַנען בין לעבן דיר אָן וועלכע ס׳איז פֿאַרלאַנגען,
באַטראַכט די גרויסע גרויע שטיינער, איינגעוואַקסענע און שטילע;
און צוגעהערט די הייליקע געזאַנגען
פֿון קאַפּיטלאַך תּהילים.

*

שוואַרצע שטיינער, גרויע, גרויסע,
און פֿון אויבן אַ מעטשעט.
שטייען יידן ביי דעם כּותל
און מען קלאַפּט אין האַרץ על חטא.

שטריימלען, פֿוטערס, באָרד און פּיאות
אויסגעווייקט אין טרערן שווייס.
בעטלערס, בלינדע, קראַנקע, גייערס,
שטייען וואַרטן אויף אַ נס.

*

איך בין ניט דער ערשטער וואָס האָב דיר באַזונגען,
און ניט דער לעצטער וועל איך זיין אין קייט פֿון די באַזינגער
האָסט מיינע בלוט צושויבערט און ארייגעדרונגען,
ווי מיט דינע אומזעבאַרע פֿינגער.

פֿון קינדהייט אָן טראָג איך דיר אום אין מיינע בלוטן,
איינגעוועבט דורך מעשיות פֿון תנ״ך און סידור,
איך געדיינק דיר נאָך פֿון די צייטן יענע גוטע,
די באַזונגענע פֿון אַזויפֿיל לידער.

איך געדענק דיר נאָך אין קעניגליכן גלאַנץ פֿון שלמה׳ס צייטן
ווען מיט גאָלד איז געווען בעפּלאַסטערט אלע ברוקן;
און שלמה׳ס נאָמען אויסגעשפּרייט אויף ווייטע ווייטן
פֿון וואַנען מלכה־שבא געקומען איז זיך בוקן.

און דערנאָך האָב איך געטרויערט אויף דיין חורבן,
און געקריצט די ציין אויף דיינע בראָכן,
און מיין יונגע קאָפּ האָב איך געבויגן;
מיט דיר צוזאַמען אונטער פרעמדע יאָכן.

מיט דיר צוזאַמען האָב איך זיך געלאָזן טרעטן,
און מיין לויטערקייט באַפלעקן:
אויב כ׳וועל פאַרגעסן דיר ירושלים,
זאָל מיין רעכטע האַנט אָפּדאַרן ווי אַ שטעקן.

איצט גיי איך אום אין דיר ירושלים,
אַ נ׳אייניקל פון יענע ווייטע דורות.
איך בין אַנ׳אָפּקלאַנג פון אַ דור אַ נייעם
וואָס איז געקומען אויפבויען די חורבות.

איך גיי אַרום אין דיר, מיט חושים וואַכע,
חושים שאַרפע, שפּיציגע און דינע;
איך זוך אַרום ס׳קינדערשע ירושלים פון תנ״כ׳ל
און קען עס ניט געפינען.

## גבעת השלשה

דער בערגל פֿון די דריי,
פֿון חלום און פֿון וואָר.
פֿאַר ווּעמען דאָס איז ניי,
פֿאַר מיר איז עס שוין קלאָר.

אַ וויסטער באַרג פֿון זאַמד,
פֿון טויזנט יאָהר שוין וויסט;
איצט בליענדיקע לאַנד,
איצט אַלעמען עס גריסט.

מיט בוימער און מיט פֿעלד,
מיט הויז, מיט זאַלץ, מיט ברויט;
פֿאַר זיך אַ גאַנצע וועלט
פֿון אַרבייט און פֿון פֿרייד.

מיט קינדערלאַך אַ סך,
מיט אויגן בלוי, ווי ים.
מיט ווענט, מיט שויב, מיט דאַך,
אַ בלענדענדיקער פלאַם.

מיט לייב פאַרברוינט אין ברוין,
מיט מוט געזוּנט און פריש;
פאַר אויסדויער — דער לוין,
ווי אַנגענעם און זיס.

ס׳איז שווער געווען דער וועג
און ענג געווען אין צעלט,
איצט האָבן ווייסע טעג
זיך איבער אונז צוהעלט.

איצט האָבן ווייסע טעג,
זיך איבער אונז צושיינט.
דער עיקר איז דער וועג
צום מאָרגן, דורכן היינט.

## צו זיי

איז וואָס פֿאַר אַ חלק האָט איר דאָ אין לאַנד ?
ווען ס׳גאַנצע פֿאָלק צובלוטיגט קלאַפּט אין אירע צוגעמאַכטע
טויערן,
זעהט איר וואָס מערער גוט׳ס צונויפֿזאַמלען אין אייער האַנט.
אייער פֿרייד — אונזער טרויער.

אונזער באָדן לאָזט איר אויסווייקן דורך פֿרעמדן שווייס,
און ברודערס האַנט — אין תפיסות און פֿאַרשיקונג.
איר האָדיוועט אַליין ניט וויסנדיק אַ שלאַנג ביי זיך אין שויס
וואָס וועט צום סוף אייך אַלעמען דערשטיקן.

איר זאַמלט אויפֿעט גאָלד אין אָט די זיבן גוטע יאָהר,
וואָס אונזער לאַנד הויבט אָן צווואַקסן און צובליען,
און אַז אַ מאָל אין אַ טאָג וועט די גרויע וואָר
וו׳אַ שוואַרצע כמאַרע פֿויגלען אָנקומען צופֿליען,

וועט איר ווי אלימלך צונויפֿנעמען דאָס גאַנצע גוטס, דאָס ווייב און קינד,
און ווי ער אַוועקגיין קיין מואָב צו די פלישתים;
און איבערלאָזן אונזער לאַנד, הפקר פֿאַרן ווינט,
פֿאַר חורבן און פֿאַרוויסטונג.

נאָר מיר וועלן בלייבן ווייטער דאָ אין לאַנד,
און אונזער בלוט און שוויס וועט פֿייכט מאַכן דעם באָדן.
מיט איין האַנט אַקערן, אין ס׳צווייטע האַנט —
ס׳ביקס אויף פֿאַרטיידיגונג איז אָנגעלאָדן.

נאָר נאָך אייך, ווי נאָך אלימלך׳ן, וועט אַ קללה נאָכגיין טריט נאָך טריט
און אייער בלוט ביז ווייטע דורות סמ׳ן;
און ווי אַ קראַנקע צווייג, ט׳איר ווערן אָפּגעשניטן
פֿון אונזערע געזונטע שטאַמען.

איז וואָס פֿאַר אַ חלק האָט איר דאָ אין לאַנד?
ווען ס׳גאַנצע פֿאָלק צובלוטיגט קלאַפּט אין איר צוגעמאַכטע טויער,
מערט איר נאָך מעהר דעם בראָך צו אונזער שאַנד,
פֿאַרגרעסערט איר דעם פּיין צו אונזער טרויער!

# אן אראַביש דאָרף

שטיבעלאַך צונויפֿגעקלעפּט פֿון מיסט און ליים און עפּעס נאָך,
אָן פֿענסטערלאַך, אָן שויבן און אָן טירן.
אויף אַריינצוגיין איז דאָ אַ גרויסע לאָך,
וואָס וועט דיר שוין אין ערגיץ ניט דערפֿירן.

ביי טירן קינדער איינגעטונקט אין שמוץ און קויט,
מיט אויגעלאַך פֿאַרשוואָלן, קראַנקע, טראַכאָמע,
אַן אַראַבער רויכערט זיין נרגילע שוויצנדיק און רויט
און זינגט אַ לויב־געזאַנג, פֿאַר מוחמד׳ס נשמה.

ביים ברונען, קלייבן פֿרויען זיך פֿון דאָרף
און אויף די קעפּ, די קרוגן־ליימענע,, זיי ווינקען.
אַ פֿאַסטוכל טרייבט צונויף די שאָף
און גיט זיי טרינקען...

## ביי אונז די נעכט

ס׳איז בלוי די נעכט אין אונזער לאַנד,
ווי בלוי עס איז דער ים מיין קינד,
ווי בלויער טינט.
ס׳איז קיל די נעכט אין אונזער לאַנד,
ווי קילער טוי מיין קינד,
ווי קילער ווינט.
און זילבער שטערן טריפן שטיל
אַראָפּ מיט בלוי,
פון העלן ראַנד;
אַ גאַנצע נאַכט אין אונזער לאַנד,
מיין קינד.

# הורה

היינט וועט מען טאַנצן שוין ביז גרויען טאָג,
ווייל ס׳האָט אין אונז צושפּילט זיך שאַרף דער פּיין,
זאָל אונזער גוף אַרויסטאַנצען דעם קלאָג
דעם שיכור׳ן — נאָר ניט פון וויין.

וואָס האָבן מיר אין לאַנד פון זון און בלוי,
אין לאַנד אין וויסטעניש פון דורות־יאָהר?
מיר זיינען ציגל דאָ, מיר זיינען בויער,
אין אונז דער ווייטיק, ליכטיק, קלאָר.

זאָל רייסן זיך דער בלוטיקער געשריי פון לייב,
און אויסטאַנצען דעם נאָגנדיקן צער.
וואָס מיר טאַטע, מאַמע, קינד און ווייב,
וואָס מיר קנעכט, און ווער מיר האַר!

פֿאַר שווערע אַרבייט, אומזערע הייסע טעג.
פֿאַר טענץ פֿאַר פֿלאַמיקע, די בלויע נעכט.
און זוניק בלוי זאָל ציען זיך דער וועג,
און פֿאַרשאָלטן דער זאָל זיין, וואָס זאָגט: ס'איז שלעכט.

און האַסטיקער דאָרט, האַסטיקער געדרייט,
זאָל זיך דרייען שווינדלענדיק דער ראָד.
הייטע בלוט, ביינקט אַזוי נאָך פֿרייד.
און יונגער פֿוס, רייסט זיך פֿלינק פֿון אָרט.

ס'איז נאָס די העמדער אויפֿ'ן לייב און אויסגעווייקט?
אַראָפּרייסן פֿון לייב, און וואַרפֿט אַוועק!
אין האַרצן עפּעס נויעט דאָרט און זייגט
אַ פֿיינליך אָדערל פֿון ווסטע טעג.

ניטאָ גענוג — היינט קען ניט זיין גענוג,
מיר שעפּן פֿרייד פֿון טיפֿן קוואַל.
איז שעפּט, כל־זמן עס איז נאָך גאַנץ דער קרוג
איז טאַנצט — ביז וואַן איר פֿאַלט!...

# קלאָסאָוו

1924—1934

*

זאָל געזאָגט ווערן איצט צו דיין יובל
אַן אמת׳ער וואָרט אָט אַזאַ.
אַז שווער איז דיין וועג, און גע׳כפל׳ט
וואָס ציט ביז גבעת־השלשה.

היינט בין איך דאָ שוין פֿון יאָהרן
און טראָג נאָך דיין פֿרייד אין מיין בלוט,
דיין וועג, די לויטערע קלאָרע,
דיין אייזערנעם מוט.

פֿאַר׳חתמ׳ט ביי מיר איז געבליבן
דיין דחקות, דיין נויט און דיין פּיין,
וואָס דוסט אויף מיין יונג לייב פֿאַרשרייבן
טאָג אויס און טאָג איין.

*

איך זע דיר איצט אין שיין פֿון ווייטע טעג,
דיין נאָמען איז פֿאַר מיר אַ ליבער קלאַנג.
איך ווייס, פֿאַר טויזנטער איז אויסגעשפּרייט דיין וועג
פֿון אַרבייט און געזאַנג.

ביסט אַ שטעטעלע אַ קלייניקע אין פּוילנס לאַנד,
דאָך איז דיין נאָמען זיך צוּוואַקסן ווייט און ברייט.
איבער לענדער, איבער ים
ברייננגט אומעטום דיין נאָמען האָפֿענונג און פֿרייד.

אַ נייער דור געשטאַלטיקט זיך אין דיר,
אַ נייער דור גייט אויף פֿון דיר מיט ליכט.
פֿון ווייטע ווייטקייטן פֿאַלט אויף מיר
דיין הערליכקייט אויף מיין געזיכט.

ביים שווערן שטיין, ביים שפּאַלט־האַמער, ביים דלאָט
ווערט אויסגעשמידט דאָס נייע וואָרט.
ביים הייסן טאַנץ, ביים פֿעסטן טראָט,
ווערט אויסגעשמידט דער נייער דור.

האָסט קלאַסאָוו זיך צושפּילט ביי מיר אין לייב,
און האָסט צוזונגען זיך אין מיין געמיט.
איך הער דו בעטסט: באַשרייב,
באַזינג אין ליד.

אויף מיינע ביינער האָב איך דורכגעטראָגען דיר,
דריי קיילעכדיקע פֿולע יאָהר
בין איך אַריין אין דיין העלע טיר
פֿון גרויע וואָר.

און איצט, האָסט אויפֿגעלויכטן אין מיר ווי אַ העלער שיין
און זיך צעזונגען אין מיין בלוט.
ווארויל איז דעם, וואָס גייט אין דיר אַריין,
ווארויל איז אים און גוט.

*

אין מיטן דאָרף, אַ פּראָסטע שטוב, פון האָלץ און שטיינער;
דאָך שלאָגט אַרויס געזונטע פרייד פון אַלע אירע ווענט.
דאָ האָט אַ פייער אָנגעצונדען איינער,
האָט זיך דער פלאַקער, ליכטיק, העל, צובּרענט.

ס׳איז אָפן אַלע פענסטער, אויפגעפּראַלט די טירן
פאַר אַלעמען וואָס בּיינקט נאָך אַרבּייט און געזאַנג,
און נאָך די וועג די ליכטיקע, וואָס וועט אונז פירן
דורך שווערע לויטערונג אַ לעבּן לאַנג.

איז פול און אָנגעפּילט די שטוב מיט בּחורים מיידן,
וואָס קומען אָן, פון שטעט, פון שטעטלאַך, פון גאַנצן לאַנד.
ווערט אייננ אין שטוב, פאַרקריכט מען אויפן בּוידים,
פאַרפעלט אַ קישן, לייגט מען אונטער די האַנט.

יעדער ציגל פֿונם שטוב האָט אַ סך דאָ וואָס צו זאָגן
און דערציילן פֿון אַזויפֿיל דורכגעלעבטע טעג.
ס׳איז די ווייסע שטוב אַ פֿאַר׳עקשנ׳ט וואָגן
וואָס ציט זיך לאַנגזאַם אָבער זיכער אויף איר וועג.

אַזויפֿיל מענטשן זיינען שוין דורך איר אַדורכגעגאַנגען,
אַזויפֿיל טעג אַדורך אַריבער איר פֿון שווערע נויט;
ניט איינמאָל איז די אַרבייט אויסגעגאַנגען
און מיט איר פֿון שטוב די לעצטע שטיקל ברויט.

און דאָך, און דאָך, האָט אַלץ זיך אויסגעצייגן
די שווערע וועג דורך פֿעלז און שטיין,
מיט הייסן ברען און פֿעסטן גלויבן.
יוגנט טאָר ניט בלייבן שטיין.

ציען הונדערטער זיך, צו דער שטוב דער ווייסער
וואָס שטייט אַליכטיגע אין מיטן דאָרף.
ביסט געוואָרן אַ לעגענדע, ביסט אַ וואונדערבאַרע מעשה,
שטעטל פשוטע, קלאַסאוו!

# א י ן   ב י נ ט ל

אָפשייד. אַ שיף. אויף בלויע וואַסערן. לידער פון
ליכטיקן אויפבוי. „מיט לענדער גלייך". ווינטער.
אונטער בלויע הימלען. צו מיין קינד. האָט
אופגעזונגען. אין רעגנדיקע נעכט.
ירושלים. גבעת־השלשה. צו זיי.
אַנ׳אַראַביש דאָרף. ס׳איז
בלוי די נעכט. הורה.
קלאַסאוו.

פארלאג «פריינט»
געדרוקט אין טויזנט עקזעמפלארן
אין דרוק פון «הפועל הצעיר»
אין תל־אביב ■ תרצ״ה.

JEWISH PUBLIC LIBRARY